בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ע"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת עקב שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פָּרָשַׁת קֹרַח שְׁנַת תשפ"ד

**מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת קֹרַח שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### אַ טַאטֶע אִיז אוֹיךְ אַ מְלַמֵּד

עֶס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה אַז אִיךְ קֶען מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים.

אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט דָא פַאר מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אִיז אוֹיךְ גֶעאֵייגְנְט פַאר עֶלְטֶערְן פוּן קִינְדֶער, זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ נִיצְן דִי גוּטֶע עֵצוֹת אוּן טִיפְּס פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רַשַּׁ"ב פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר שְׁרַייבְּט: **"אַזוֹי וִוי אַ אִיד הָאט אַ חִיוּב יֶעדְן טָאג אָנְצוּטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אִיד אַ חִיוּב זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה יֶעדְן טָאג, טְרַאכְטְן פוּן דֶער עָתִיד אוּן דִי חִינוּךְ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיסְפְּרֶעגְן זַיינֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר, אוּן דֶערְמַאנֶען זַיינֶע קִינְדֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִין חֵדֶר".**

### אַלֶעס וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵיי

עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק אִין דָנִיֵּאל (יב, ג), וִוי דָנִיֵּאל דֶערְצֵיילְט, אַ נְבוּאָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, וָואס עֶס גֵייט זַיין לֶעָתִיד לָבוֹא וֶוען מָשִׁיחַ גֵייט קוּמֶען: **וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ** דִי קְלוּגֶע, דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, זֵיי וֶועלְן שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי שַׁיין פוּן הִימְל, **וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד** אוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְזַכֶּה אַנְדֶערֶע אִידְן, וֶועלְן שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס, אוֹיף אֵייבִּיג.

אִין דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא (בָּבָא בַּתְרָא דַף ח:) אִיז דָא אַפָּאר פְּשָׁטִים וֶוער זֶענֶען דִי 'מַשְׂכִּלִים' אוּן וֶוער זֶענֶען דִי 'מַצְדִּיקֵי הָרַבִּים'; אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים בְּרֶענְגְט דִי גְמָרָא אַ בְּרַיְיתָא אַז 'מַצְדִּיקֵי הָרַבִּים' זֶענֶען דִי 'מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת', זֵיי וֶועלְן שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַ שֵׁיינֶע פְּשַׁט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, פַארְוָואס אִיז אַ מְלַמֵּד צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ שְׁטֶערְנְס, וַוייל דִי שְׁטֶערְנְס זֶעט אוֹיס פוּנְדֶערְוַוייטְנְס וִוי אַ גָארְנִישְׁט, וִוי בְּרֶעקְלֶעךְ אוּן קְלֵיינֶע פִּינְטְלֶעךְ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס זֶענֶען דָא שְׁטֶערְנְס וָואס זֶענֶען גְרֶעסֶער פוּן דֶער וֶועלְט (מִשְׁנָה תּוֹרָה לְהָרַמְבַּ"ם, הִלְכוֹת יְסוֹדֵי הַתּוֹרָה ג', ח), דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער, פוּן דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אִין פְּלֶעי גְרוּפּ, אוּן אַרוֹיף צוּ נוּרְסֶערִי, קִינְדֶערְגַארְטְן כִּתָּה א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, נָאכְדֶעם יְשִׁיבָה קְטַנָּה אוּן יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה; דֶער מְלַמֵּד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי, עֶר טְרַאכְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי מַאכְן בֶּעסֶער אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי מַאכְן אַ חֵשֶׁק [אִין עֶנְגְלִישׁ רוּפְט מֶען עֶס אַ 'מָאטֶעוֶועיְשְׁן', דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי רוּפְט מֶען 'מָאטֶעוֶועיְשְׁן' אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן: "מוֹטִיבָצִיָה", הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער וָוארְט בַּאדֵייט, דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע תַּלְמִידִים שִׁיקְן מִיר אַלְץ סְפָרִים אוֹיף עִנְיָנֵי חִינוּךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלְץ גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער וָוארְט 'מוֹטִיבָצִיָה' בַּאדֵייט...] זֵיי זָאלְן וֶועלְן דַאוֶוענֶען, זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט, אַרַיינְקוּקְן אִין דִי חוּמָשׁ, זָאגְן תְּהִלִים אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טְרַאכְט עֶר: 'וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיף? עֶר אִיז דָאךְ נָאר אַ קִינְד, וָואס וֵייסְט עֶר שׁוֹין פוּן זַיין לֶעבְּן?' דַארְפְן דִי מְלַמְּדִים וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵיי, נָאר יֶעצְט זֶעט מֶען עֶס נִישְׁט, אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס וָואס מֶען קֶען זֵיי כִּמְעַט נִישְׁט זֶען.

## טְרַאכְט פוּן דִי קִינְדֶער

### דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק מְלוּמְדוּת

דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא (שָׁם) אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב הָאט גֶעזֶען דֶעם מְלַמֵּד רַב שְׁמוּאֵל בַּר שִׁילַת וִוי עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין זַיין גָארְטְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: **"שְׁבַקְתֵּיהּ לְהֵימָנוּתָךְ"**, הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דַיין מְלוּמְדוּת? דוּ פְּלֶעגְסְט דָאךְ אַלְץ זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן? הָאט רַב שְׁמוּאֵל גֶעזָאגְט פַאר רַב: **"הָא תְּלֵיסַר שְׁנִין דְּלָא חַזְיָא לִי"**, קוֹדֶם כֹּל, בִּין אִיךְ שׁוֹין דְרַייצְן יָאר נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַיין גָארְטְן, צְוֵוייטְנְס, **"וְהַשְׁתָּא נָמֵי דַּעְתַּאי עִלָוַיְהוּ"**, אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אִין גָארְטְן טְרַאכְט אִיךְ פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א (דִּיבּוּר הַמַּתְחִיל וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים) אַז דָאס מֵיינְט אַז אַ מְלַמֵּד אִיז אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס; פִּינְקְט אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס זֶעט מֶען נָאר בַּיינַאכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת שַׁיינֶען זֵיי סַיי בַּייטָאג אוּן סַיי בַּיינַאכְט, נָאר בַּייטָאג זֶעט מֶען עֶס נִישְׁט, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מְלַמֵּד, מֶען זֶעט אִים נָאר דִי פָּאר שָׁעָה וָואס עֶר אִיז אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען אִים נִישְׁט זֶען, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז זַיין גַאנְצֶע טָאג אֵיין שְׁטִיק מְלוּמְדוּת, וֶוען עֶר רוּט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיז דָאס 'מְלוּמְדוּת', וַוייל עֶר שֶׁעפְּט זִיךְ אָן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ וֶוען עֶר זִיצְט אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ (סָאפֶע) מִיט אַן אֵייס קְרִיעֶם, אִיז עֶס וַוייטֶער מְלוּמְדוּת, וַוייל דָאס גֶעבְּט אִים כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען עֶר כַאפְּט אַ שְׁפַּאצִיר אִין זַיין גָארְטְן, אִיז עֶס וַוייטֶער מְלוּמְדוּת, וַוייל עֶר אִיז זִיךְ דַאן מִתְבּוֹדֵד פַאר דִי קִינְדֶער, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזָאגְט**

**פַאר אַ קִינְד גֶעוועֶן אַבִּיסְל צוּ שַׁארְף, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים יָא זָאגְן אָדֶער נִישְׁט זָאגְן?"** אַזוֹי שְׁפַּאצִירְט עֶר בַּיי זִיךְ אִין גָארְטְן אוּן שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, קוּמְט אוֹיס אַז אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס וָואס שַׁיינֶען שְׁטֶענְדִיג אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט, אַזוֹי אִיז אַ מְלַמֵּד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אִין גָארְטְן "**נָמֵי דַעְתַּאי עִלָּוַיְהוּ**", טְרַאכְט עֶר וַוייטֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים.

### אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָה זִיצְט מֶען מִיט קִינְדֶער

דִי מְלַמְדִים זָאלְן ווִיסְן, עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד.

עֶס אִיז טַאקֶע אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער וֶוער אַרְבֶּעט דֶען נִישְׁט שְׁוֶוער?!

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס בּוֹיט הַייזֶער:** אִיךְ בִּין נֶעכְטְן דוּרְכְגֶעפָארְן אַ הוֹיז וָואס דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן דָא אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער פוּן דַיינֶע סֵייט מֶענֶעדְזְשֶׁערְס (דֶער וָואס אִיז פַאראַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיפְ'ן פְּרָאיֶעקְט פוּן בּוֹיעֶן דֶעם הוֹיז), הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "**וָואס טוּט דַיין בַּעַל הַבַּיִת? עֶר זִיצְט אִין אָפִּיס אָדֶער עֶר קְרִיכְט אוֹיךְ אוֹיף דִי הֶעלְצֶער אוּן אַרְבֶּעט שְׁוֶוער?**" הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "**אוֹי אַרְבֶּעט עֶר שְׁוֶוער, עֶר קְרִיכְט, שְׁלֶעפְּט אוּן מַאכְט**".

יֶעדֶער אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָה, זִיצְט מֶען מִיט קִינְדֶער, אוּן מֶען זִינְגְט מִיט זֵיי דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

### עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעוָוארְפְן צַייט

בְּשַׁעַת מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, קֶען זַיין אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, קִינְדֶער טְרַאכְטְן פוּן דִי בּוּדְקֶע וָואס זֵיי הַאלְטְן אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן אִין וַואלְד, אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן; אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט וֶוען מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן פָּארְגֶעלֶערְנְט גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ טְרַאכְט וואוּ אִיךְ גֵיי גֵיין בַּיי לָאנְטְשׁ אוּן וואוּ אִיךְ גֵיי גֵיין נָאךְ חֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ אַלְס קִינְד אָנְגֶעפִירְט אַ גַאנְצֶע חֲבוּרָה וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט קְרוֹינֶען אוּן סֵיינְס (שִׁילְדְן) פַאר דֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ"א פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן אִין בָּארָא פַּארְק לְכָבוֹד אַ חֲתוּנָה פוּן אַן אֵיינִיקְל, מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג גֶעטְרַאכְט וואוּ מֶען גֵייט קוֹיפְן אַ רָאוֹל טִישְׁטִיכֶער, סְפְּרֶעי פֶּעינְט (קָאלִירְטֶע סְפְּרֶעי) אוּן קַארְדְבָּאוּרְדְס (הַארְטֶע פַּאפִּיר), מֶען הָאט אוֹיסְפְּלַאנִירְט וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט מַאכְן דִי סֵיינְס, מֶען גֵייט נֶעמֶען דֶעם קַארְדְבָּאוּרְד אוּן אוֹיסְשְׁנַיידְן גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת

פַאר סְטֶענְסִילְס, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אוֹיסְצִיעֶן דֶעם טִישְׁטוּךְ אוּן פַארְבְּן דִי וֶוערְטֶער: "**קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים**", מַיין מְלַמֵּד הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי גְמָרָא אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַז דֶער מִיטְלְסְטֶער שְׁטִיקְל פוּנֶעם אוֹת סַמֶ"ךְ זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן פוּנֶעם סְטֶענְסִיל... אוּן דֶער אוֹת זָאל גֶעלוּנְגֶען וֶוען מֶען גֵייט עֶס פַארְבְּן. סוֹף וָואךְ הָאט מִיךְ מַיין טַאטֶע פַארְהֶערְט אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן מַיין טַאטֶע הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ מוּז פַארְשְׁטֵיין אַ קַשְׁיָא אוּן אַ תֵּירוּץ פוּן דִי גְמָרָא, וַוייל אוֹיבּ אַ אִינְגְל וֶועט מִיר קוּמֶען פְרֶעגְן וָואס דִי קַשְׁיָא אִיז, וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן: "**אִיךְ ווֵייס נִישְׁט**", אִיךְ וֶועל אִים עֶס מוּזְן מַסְבִּיר זַיין; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר יֶעדֶע קַשְׁיָא אוּן תֵּירוּץ.

אִיךְ דֶערְצֵייל עֶנְק דָאס וַוייל אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אַ מְלַמֵּד אַז דִי גַאנְצֶע מְלוּמְדוּת אִיז סְתַּם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צַייט, 'דִי קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס', זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר דֶער גַאנְצֶער חִינוּךְ בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר!

אִיךְ זֶע עֶס בַּיי מִיר; דָאס אַז אִיךְ דַאוֶון אִיךְ קוּק נִישְׁט אַרוֹיס בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיךְ ווֵייס וֶוען מֶען דַארְף שְׁטֵיין אוּן זִיצְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווֵייס וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ בִּיקְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיךְ ווֵייס וֶוען מֶען קִישְׁט דִי צִיצִית, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן נָאךְ פִּילֶע הֲלָכוֹת, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען אִין כּוֹלֵל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת תְּפִלָּה, דָאס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן מַיינֶע מְלַמְדִים, פוּן כִּתָּה ב', ג', ד'! זֵיי הָאבְּן מִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

### בַּיים שְׁפִּילְן קֶען מֶען אָנְקוּמֶען אַסַאךְ וַוייטֶער וִוי בַּיים לֶערְנֶען

בַּיי גֶעוִויסֶע מְלַמְדִים אִיז דָא אַזַא שִׁיטָה אַז זוּמֶער אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, וַוייל דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפִּילְט, דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶּער אַז זוּמֶער קֶען מֶען נָאכְמֶער אוֹיסְלֶערְנֶען הֲלָכוֹת אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער; דַיְקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפִּילְט, קֶען מֶען שְׁטֶערְקֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זַאכְן וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן.

וַוייל וֶוען אַ מְלַמֵּד לֶערְנְט פָאר, זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס בַּיי זֵיי אִין מֹחַ אִיז אָפְּגֶעמַאכְט אַז 'אִיךְ בִּין סַיי וִוי נִישְׁט דֶער קִינְד וָואס גֵייט לֶערְנֶען אִין זַיין לֶעבְּן', אוּן 'אִיךְ הֶער סַיי וֵויי נִישְׁט אוֹיס מַיין רֶבִּי', דִי זַאכְן לִיגְן שְׁטַארְק אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶר קָאפּ, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵייעֶר קָאפּ, אוּן דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן צוּהֶערְן צוּ וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, אָבֶּער בַּיים שְׁפִּילְן אִיז דָאךְ יֶעדֶער דָא, אֲפִילוּ יֶענֶער אִינְגְל טְרַאכְט אוֹיךְ: 'וָואס הֵייסְט אִיךְ בִּין דָאךְ דֶער מֶלֶךְ בַּיים שְׁפִּילְן', אוּן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד לֵייגְט אַרַיין 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת' בַּיים שְׁפִּילְן, עֶר לֵייגְט אַרַיין אַז 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוּן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט', קוּמְט עֶר אָן אַסַאךְ וַוייטֶער וִוי בְּשַׁעַת מֶען זִיצְט אוּן מֶען לֶערְנְט.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועקְצוּמַאכְן דָאס לֶערְנֶען אוּן דִי מוּסָר שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער, מֶען דַארְף נָאר וִויסְן אַז בַּיים שְׁפִּילְן אוּן שְׁוִוימֶען אִיז אוֹיךְ וִויכְטִיג אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' אוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער גָאר שְׁטַארְק אַרַיין אִין זֵיי.

### אוֹיסְלֶערְנֶען יִרְאַת שָׁמַיִם פַאר קִינְדֶער

בִּפְרַט דִי זַאךְ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן זַיין הֵיילִיג אוּן אֵיידְל, אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זוּמֶער.

וֶוען מֶען גֵייט שְׁוִוימֶען דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען טוּט זִיךְ אוֹיס, וִוי אַזוֹי מֶען טוּט זִיךְ אָן, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁוִוימְט.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר אֵיידְל, מֶען זָאגְט זֵיי זֵייעֶר קְלָאר אַז "קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט דַיין גוּף".

אֲפִילוּ דֶער גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן קִינְדֶער וָואס טָאטְשְׁן (אָנְכַאפְּן) אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען אוֹיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, וָואס קֶען מֶען טוּן אַז נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵּךְ אוֹיף דֶעם. אִיךְ זֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אֵיין מִשְׁפָּחָה וָואס אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען טָאטְשְׁן זִיךְ דִי קִינְדֶער אַרוּם אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט צִי אִיךְ זָאל עֶס זָאגְן פַאר טַאטְן, בִּיז דֶערְוַוייל הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן וַוייל עֶר קֶען וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט אוֹיף מִיר, אַז 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טֵיילְט שׁוֹין וַוייטֶער אֵיין וָואס צוּ טוּן'...

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט דָאס צוּ טוּן, אֲפִילוּ בַּיי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער. וֶוען דֶען גֵייסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טוּט דָאס נִישְׁט? בַּיי דִי צֶען יָאר?! דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם, מֶען דַארְף שׁוֹין אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט: "**שְׁפִּיל זִיךְ שֵׁיין מִיט טוֹיס (שְׁפִּילְצֵייג), אוּן הַאלְט דַיינֶע הֶענְט בַּיי דִיר**".

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בֵּית הַכִּסֵּא אִין מְלַמְּדִים שְׁטִיבְּל פַאר דִי מְלַמְּדִים, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶס אִיז גוּט אַז אַ מְלַמֵּד זָאל יָא אַמָאל נִיצְן דִי בֵּית הַכִּסֵּא פוּן דִי קִינְדֶער, אַזוֹי קֶען עֶר אוֹיפְכַאפְּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אָפּ. אַסַאךְ מָאל וֵוייסְט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט אַמָאל אִין זֵייעֶר בֵּית הַכִּסֵּא, וֵוייסְט מֶען אַז מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן פוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל.

### גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

נָאךְ אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק מְחַזֵּק זַיין: גֶעבּ אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד, אוּן וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט צוּ דִיר - הֶער אִים אוֹיס.

גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז לֶעבְּן פַאר אַ קִינְד, עֶס אִיז וִויכְטִיגֶער וִוי עֶסְן, אוּן וִויכְטִיגֶער וִוי אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן עֶטְץ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

- שמעו ותחי נפשכם -

## בְּרִיּוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַרוֹיס אִין מַיין פָּאסְטְן, סְפֶּעצִיעֶל בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּ' יֶעדֶע וָואךְ מִיטְ'ן גִלָיוֹן "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ", אַזוֹיפִיל גוּטֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אִין חִינוּךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז אִיךְ זָאג פַאר דִי קִינְדֶער נָאר זַאכְן וָואס אִיךְ אַלֵיין הַאלְט דֶערְבַּיי, אָבֶּער דָאס מַאכְט מִיר אַ פְּרָאבְלֶעם בַּיי גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין טוּ עֶס נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פָּאפֶּער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי הֵייסְן טוּן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ זָאג זֵיי מוּסָר אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן נִישְׁט אַרוּמְשְׁפַּאצִירְן בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם דֶערְוַוייל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער, דַאוֶוען אִיךְ שְׁטַייטְלֶעךְ, אָבֶּער וֶוען אִיךְ דַאוֶוען צוּפְרִי אִין שׁוּל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד צוּם דַאוֶוענֶען, אִיךְ קוּם אָן שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶוענֶען אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פְרִי, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיפְ'ן דַאוֶוענֶען. אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דָאס אִיז דֶערְוַוייל דִי מְצִיאוּת.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן דַאוֶוענֶען, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן אוֹיף אַן אֱמֶת'עֶ וֶועג; אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רֶעדְן הוֹיךְ אַזוֹי וִוי צוּ מִיר אַלֵיין אַז אַזוֹי דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַז אַפִילוּ מֶען זֶעט עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן שְׁפַּאצִירְן אַרוּם בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיז דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁלֶעכְט אַיינְגֶעוואוֹינְט, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'עֶר וֶועג אִיז יָא צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ?

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי דִי נוֹשֵׂא פוּן דַאוֶוענֶען, עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר אוֹיס בַּיי יֶעדֶע צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין בִּין וַוייט פוּן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִ"ים, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִילָה, וֶועט דָאס אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו) דוּרְךְ רֶעדְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה - צוּ אַנְדֶערֶע - פוּעֶלְ'ט עֶס אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין", אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵּק זַיין אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "עֵצָה לָזֶה", אִיז דִי עֵצָה, "שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים", עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, "וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן - וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָּק.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מְלַמֵּד הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי פְּרִידָא וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד:), רַבִּי פְּרִידָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אִים, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, רַבִּי פְּרִידָא מִיט זַיין גְרוֹיס סַבְלָנוּת הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז פִיר הוּנְדֶערְט מָאל. אֵיין מָאל הָאט רַבִּי פְּרִידָא גֶעזֶען אַז דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֲפִילוּ בַּיי פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, פְרֶעגְט עֶר אִים: "הָאִידָּנָא מַאי שְׁנָא", וָואס אִיז יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכַאלְץ נִישְׁט? זָאגְט דֶער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אִיךְ זֶע אַז דֶער רֶבִּי יָאגְט זִיךְ צוּ גֵיין, טְרַאכְט אִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט אַז יֶעצְט גֵייט שׁוֹין דֶער רֶבִּי מִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, הָאט רַבִּי פְּרִידָא אִים גֶעזָאגְט: "הַב דַּעְתָּךְ וְאַתְנֵי לָךְ", לֵייג צוּ קָאפּ אוּן אִיךְ וֶועל דִיר לֶערְנֶען, "הֲדַר תְּנָא לֵיהּ אַרְבַּע מְאָה זִמְנֵי", אוּן עֶר הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעלֶערְנְט פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט יָאר אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון פַאר דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵּד קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן אוֹיבּ עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵּד, פְרֶעגְט אִים דֶער גָאוֹן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט", פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס אָפְּגֶעלָאזְט?" זָאגְט עֶר: "מֶען הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בַּאגְלֵייבְּטֶער", זָאגְט אִים רֶבִּי מֵאִיר: "וֶוער נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט

מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט שֶׁחְטְ'ן קֶעלְבְּלֶעך וִוילְסְטוּ גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!" זֶעט מֶען אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַארְף מֶען זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן הָאבְּן אַסַאך סַבְלָנוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אוּן צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, דוּ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן צוּפְלַאקֶערְט צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אוֹיךְ דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, וִויל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, בִּפְרַט וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת משפטים תשפ"ד)

## זָאל אִיךְ לֵייגְן אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע אַז אִין גְעוִויסֶע פְלֶעצֶער טוּט מֶען זִיךְ אוֹיף אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַזַא שְׁטוּפֶענִישׁ, מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁטָא דִי גְרוֹיסֶע שְׁטוּפֶענִישׁ, אָבֶּער עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

זַייעֶנְדִיג אַ מְלַמֵּד גֵייעֶן מִיר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען "שָׁרָשִׁים וְשִׁימוּשִׁים", דָאס מֵיינְט אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, צוּ צֶעטֵיילְן דִי וֶוערְטֶער אִין חֲלָקִים לוֹיט דִי שֹׁרֶשׁ, אוּן דֶערְנָאךְ דִי שִׁמּוּשִׁים בֶּעפָאר אוּן דֶערְנָאךְ. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דָא וָואס קְרִיגְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם מַהֲלָךְ אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיין אוֹיפְכַאפְּן לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פּוּנְקְט וִוי עֶר כַאפְּט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶר וֶוערְט נָאר צוּמִישְׁט פוּן לֶערְנֶען דִי שָׁרָשִׁים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייעֶנְדִיג אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער דַארְף אִיךְ דָאס מְמַילָא טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וָוארְט אַרַיינְצוּרֶעדְן אִין דֶעם, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם כּוֹחוֹת אוּן לֵייגְן אַ דָגוּשׁ דֶערוֹיף, אָדֶער עֶס טוּן מֶער וִוי אַ טֶעכְנִישֶׁע אַרְבֶּעט וָואס דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ נֵייגֶעְרִיג אוֹיבּ אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז דָא דֶער סָארְט לִימוּד מִיט דִי קִינְדֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר לֶערְנֶען דִי אַלְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין שׁוּם נֵייעֶ זַאכְן.

דוּ לֵייג אַ דָגוּשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר ווָאוֹיל - נָאר אַז עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְּדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט דַעַת דֶער הָאט אַלֶעס, "דְּלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת - הָאט גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז דַעַת? אֱמוּנָה; דֶער וָואס וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּן אִים - דָאס אִיז דַעַת; אוֹיבּ הָאט מֶען דִי פִּינְטֶעלֶע דַעַת - הָאט מֶען שׁוֹין סַיי וִוי אַלֶעס.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זָאל דָאס זַיין דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל: אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְט אַרַיינְבְּרָאקְן אִין זֵיי לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טָאג אִין חֵדֶר אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט; דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁרַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר זֵיי, אָבֶּער אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט אֵיין צִיל: זֵיי זָאלְן וִויסְן עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!

אַז מֶען הֵייסְט דִיר לֶערְנֶען שָׁרָשִׁים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עִיקָר. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וִויל לֶערְנֶען דִקְדוּק מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז זִיכֶער אִיבְּרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "בִּשְׁבִיל זֶה עָזְבוּ הָעוֹלָם חָכְמוֹת הַדִּקְדּוּק וְאֵינָם עוֹסְקִים בּוֹ כְּלָל. כִּי דִּקְדּוּק אֵין צְרִיכִין כְּלָל", דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט פוּן לֶערְנֶען דִקְדוּק, וַוייל עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת נשא תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876